איינם זולכן פליזנדן וואטר גשטאנדן· דאז
דיין פור זיבן יארן אייני אקשט אדר בייל
גפאלן· אונ׳ ביט הער נוך ניט אויף דען
גרונד קומן זייא· דאש זעלבי וואטר זייא דעם
פוגל ביט אן זייני קניכל גאנגן· זיינן קופף
אבר האב ער אין הימל גשטעקט· נון זולט

אן וואז לייט פינדן· דיא ניט וויסטן· דש זוא
גרוסי ביים אונ׳ פוגל אין דער וועלט ווערן·
ווען זיא ניט רבא זעלבסט גזעהן העט· דא
רום שרייבט ער אויך אים תלמוד· ער האב
גזעהן· דש איין וואל פיש איינן פרוש איין
גשלוקט האב· וועלכר פרוש זוא גרוס גוועזן
אלז איין דורף פון זעכציג הייזרן· עס זייא
אבר איין ראב קומן· אונ׳ זואר נייארט איין
וויבכן· דען דיא מענר זיין גרעסר· האב
דען וואל פיש איין גשלוקט· זייא אויף איינן
בוים גפלוגן· אונ׳ האב זיך אויף איינן אסט
גזעצט· קום רוק אונ׳ זיך· שפריכט ער·
דיא שטערק דיזש בוימש· דאס דריט
עסן· זוא אוך גטראגן ווערט· איז אוקסן
פלייש· דיזר אוקס איז דען ערסטן פרייטאג
זוא גרוס ער שאפן· דש ער אויך אין דער
זינר פלוט ניט ערטרונקן איז· אונ׳ ווירדט
אלי טאג דאס גראס פון טויזנד בערגן אב·
וויא גשריבן שטיט· דיא בערג טראגן אים
קרייטר· וויא ער נון פיל פריסט· אלזוא
מוס ער אויך פיל זויפן· דארום שרייבט
רבי יוחנן· דאס וואסר· דאס דער יורדן
אין איינם האלבן יאר לו זאמן ברענגט· דאס
טרינקט ער אין איינם שלוק· וויא גשריבן
שטיט· ער שלוקט אין זיך דען שטרום· אונ׳
אכטיט

אכטיט עס ניט גרוס: רבי שמעון שפריכט. אלז
דאס וואסר. זא דער ירדן אין איינם גאנצן יאר
צו זאמן ברינגט. דאס זויפט ער אין איינם שלוק.
וויא געשריבן שטיט. ער וואלי דען יורדן מיט
זיינם מונד אויס שיפפן. אונ׳ וויל ער אם יורדן
ניט גנוג צו טרינקן האט. טרייבט רבי שמעון.
עס לויפט איין פלוס אויס דעם גן עדן.
דער הייסט יובל. דארויס טרינקט ער:
דאס פירט עסן. זא אויך גטראגן ווערט.
איז איין גזאלצנר פיש. וועלכר דען ערשטן
דונרשטאג עבן זא גרוס. אלז דער לויתן
ער שאפן ווארדן. דיא וויל נון אבר גאט
בפערכטי. דיא ביידי גרוסי פיש ווירדן
נוך מער גרוסי פיש צייגן. שלוג ער דאס
פרייליין טוט. אונ׳ זאלציט איין. אויך דס
עס דיא אויס ער וועלטן קינפטיג פר צערן
זאלטן. וויא געשריבן שטיט. אונ׳ ווערט דיזן
דראכן אים מער ער ווירגן: דאס פינפט
עסן. זא אויך גטראגן ווערט. זיין צוואא
גבראטני גענז. אונ׳ טרייבט דער תלמוד.
דס זיא זא פעט זיין. דס דאס שמאלץ.
וויא גרוסי וואסר שטרעם פון אינן לויפי.
אלזוא דס אויך דיא פעדרן מיט דעם פעט
הין וועג פליסן. אונ׳ וויל דיא יהודים מיט
אירם זינדליכן לעבן דען משיח זא לאנגי

צוריק האלטן · ווערדן זיא אם יונגשטן טאג אויך
פֿון דעם גרוטן טאערלן· דען דיא גענז ווענן
דעט פֿילן פֿעטט אויט שטיהן · דעלנטאפֿט געבן
איין: דאט זעקסטט עטן ווערט גזאלן קוא
פֿלייט זיין· דיזי קוא איז אויך אם ערשטן פֿרייא
טאג ער טאפֿן · אונ׳ וויל זיך השם בפֿערלט ·
דער גרוט אוקט ווערדי איט דער גרוטן קוא
גרוטי קעלבר לייגן· וועלכי דיא וועלט פֿר
וויטטן ווירדן· האט ער דיא קוא גשעלט ·
אונ׳ דאט פֿלייט אין גזאלן פֿור דיא אויט ער
וועלטן גאטט · זוא פֿיל אבר דען טרונק
בלאנגט· דער אויף דעם פאנקעט זאל
גטרונקן ווערדן· גלויבן זיא· גאט האב
אין דען ערטטן זעקט טאגן דער ערטאפֿונג
אויך איינן זיזן ויין ער טאפֿן· וועלכר ויין
נוך אין דער העלטר ליגט· דא פֿון טרייבט
דער תלמוד אלזוא· גאט האב דען זעלבן
זיזן אוטט אלזוא פֿר וואַרט· דט אין ביט העער
קייני קריאטור גזעהן האב· ווימ גטריבן
שטיט· אויך קיין אויג גזעהן· דארנאך
ווערט זיך איין לוטטיגר טאנץ אן פֿאנגן ·
אונ׳ גאט ווערט זעלבטט איט אים רייאן זיין·
אלזוא דט אין יעדר אאן איט דען אויגן זעהן·
אונ׳ איט דען פֿינגרן אויף אין וויזן ווערט· ווימ
גטריבן שטיט· צו דער לייט ווערט אן זאגן·

זיך· דאש איז אונזר גאט· אויך דען איר האבן· דש איר אונז פֿרייאן אונ׳ פֿרעליך זיין אין זיינם הייל:

## שאלה כ״ב

דיז לעצטי איז גאר צו פֿר קליינרליך אונ׳ פֿאשט טיאפֿליך פֿון הטי׳ גרערט· האט דער׳ תלמוד דיזר אויך ליגי אער:

**תשובה·** גאר פֿיל· דאש עבודה זרה שפריכט פרק מ׳ דף ג׳ ב׳ פֿולגנדש· אמר רבי יהודה· אמר רב· רביעית היום יושב הק״בה ושחק עם לויתן· שנאמר לויתן זה יצרת לשחק בו· עש זאגט רבי יהודה· עש זאגט רב· אם פֿירטן טייל דעש טאגש זיצט דער הוך גלובטי גאט· אונ׳ שפילט מיט דעם לויתן· וויא גשריבן שטיט· דען לויתן האשט דוא ברייט מיט אים צו שפילן: איז עש ניט אויך איינר גאטש לעשטרליכי ער פֿינדונג· ווען אים ברכות דף ג׳ א׳ שטיט· אמר רב יצחק בר שמואל משמה דרב שלש משמרות היו הלילה· ועל כל משמר ומשמר יושב הק״בה ושואג כארי ואומר· אוי שהחרבתי את ביתי· ושרפתי את היכלי· והגליתי את בני לבין אומות העולם· עש זיין דרייא נאכטוואכן· אונ׳ אין איינר יעדן זיצט הק״בה אונ׳ ברילט אלז וויא איין ליב·

וועה איר דש איך איין הויז פֿר שטירט האב׳
אונ׳ דש איך איינן טעמפל פֿר ברענט׳ אונ׳
דש איך אייני קינדר אין דיא גפֿאנגנשאפֿט
דער היידן גפֿירט האב׳ ניט לאנג דא
רויך שפריכט אליהו׳ חייך וחיי ראשך׳ לא
שעה זו בלבד אומרת כך׳ אלא בכל יום
ויום שלש פעמים אומרת כך׳ ולא זו בלבד׳ אלא
שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות
ועונין אמן׳ יהא שמי׳ רבא מברך׳ הק״בה
מנענה ראשו ואומר׳ אשרי המלך שמקלסין
אותו בביתו כך׳ מה לו לאב׳ שהגלה את
בניו׳ ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן
אביהם׳ זא וואר דוא לעבשט׳ אונ׳ דיין
הויפט לעבט׳ ניט אין דיזר שטונד רעדיט
ער (הק״בה) זא׳ זונדרן אלי טאג דרייא
מאל רעדט ער זא׳ אונ׳ דיזש ניט אליין׳
זונדרן אויך ווען ישראל פֿר זאמלט זיין אין
אירן בעט הויזרן אונ׳ אין אירן שולן׳ אונ׳
ענטפֿרן אמן׳ עש זייא זיין גרושר נאם גלובט׳
דא שיטלט הק״בה זיין הויבט׳ אונ׳ שפריכט
גליקזעליג איז דער קיניג׳ וועלכן זיא זוא
לובן אין זיינם הויז׳ וואש זאל אן זולכם
פֿאטר טון׳ וועלכר זייני זין גפֿאנגן פֿירט׳
אונ׳ וועה דען קינדרן׳ וועלכי אויז גשלוזן זיין
פֿון

פֿון דעם טיט אירט פֿאטרש: פֿון דער
גרויסי דער טרענן· דיא בייא דיזם גטרייא
פֿון גאט פֿר גוסן ווערדן· טרייבט עבן דיז
בוך דף נ"ט· בשעה שהקב"ה זוכר את בניו·
ששרויים בצער בין אומות העולם· כביכול
מוריד שתי דמעות לים הגדול וקולם נשמע
מסוף העולם ועד סופו· והיינו נוהגא· אין
דער טטונרי· דא הק"בה גדענקט אן זייני
קינדר· ווא דט זיא וואונן אים עלנד אונטר
דען פֿעלקרן דער וועלט· לעטט ער פֿאלן צוויא
טרענן אינט גרוטי מער· אונ׳ אירי טטים
ווערט גהערט פֿון ענד דער וועלט ביט אן
דער זעלבן ענד· אונ׳ דיז זיין דיא ערד בעבן·
אין דיזם בוך דף ז׳ בעטיט זוא גאר גאט·
אמר ר׳ יוחנן משום ר׳ יוסי· מנין· שהקב"ה
מתפלל· שנ׳ והביאותים אל הר קדשי ושמחתים
בבית תפילתי· עט זאגט רבי יוחנן אים
נאמן רבי יוסי· וואו הער (וויז אן)· דט
הק"בה בעטיט· ווייל גזאגט איז· אונ׳ איך
וויל זיא פֿירן אויף דען בערג איינר הייליגקייט·
אונ׳ וויל זיא ער פֿרייאן אין דעם הויז איינט
גבעטט (אדר אין איינם בעט הויז)· אונ׳
זולכר זאכֿן גיבט עט אייני גרוטי מענג אין
דעם תלמוד: לאטל· ווען דא טטיט אין

בבֿא מציעא דף נ"ט · גאט זייא פֿון דען ראבינן
אים פלפול איבר וואונדרן · אין בבֿא בתרא
דף ע"ד · הטק האב זיך פֿון דען ראבינן
וואלן פֿון דעם טבֿוע לוז טפרעכֿן לאזן · אין
חולין דף ס"ב · גאט האב גזינדיגט · דט
ער דען אונר קליינר אלז דיא טאט גמאכֿט ·
אול בגערט · דט אן אין דורך איין זבֿח איכֿט
אויט זינן · אין עבֿודה זרה דף ג' · גאט
לעזי אול שטודירי אלי טאג דרייא שטונד אין
דער תורה · אין ברכֿות גאט האב דען
זעגן פֿון רבי ישמעאל גבעטן · אין בבֿא
מציעא דף נ"ט · הטק האב העפֿטיג
גלאכֿט איבר דען לאנק דעט רבי עלעזר אול
אנדרר ראבינן · אול וואט דעט וואונדרליכֿן
דינגט אער איז · עט גהערן היא איט
הער דיא פֿילן קינדיטן אבר גלויביטן זאכֿן ·
לאטל · אים טבת דף ק"ג · ווערט גלערט ·
ווער אם טבת לוויא בוך טטאבן טרייבט ·
עט זייא איט דער רעכֿטן אדר לינקן האנד ·
ענט וועדר אויט איינם אדר לוויא וואורטן ·
אדר אויט לוויא לייכֿן · דער זייא אין איבר
טרעטר דעט טבת · דאט ער קלערט רבי
יהודה אלזוא · ווען איינר טרייבט אם טבת
לוויא בוך טטאבן · וועלכֿי איין בזונדר פֿר
טטענדליך

שטענדליך וואורט מאכן · זוא איבר טרעט ער
דען שבת · זונשט ניט · אנדרי ער קלערנט
אנדרש · אונ׳ האבן איר פלוגתות דאריבר ·
וואש זונשט אויז דעם תלמוד פֿור אבר גלויבישי
ווערקי אין דאש יורנטום מיט גרושן הויפֿן
קומן · צום ווייניגשטן דאראויש ער האלטן אונ׳
בשטערקט ווערדן · צערט דיא טעגליכי ער
פֿארונג · ביש וויילן צויפֿט דער אבר גלויב
זוא גאר אויך איני ארט דער צויברייא הין
אויש · וואש טרייבן זיא ניט פֿור אבר גלויבן
מיט אירם קמעין או נלטרין · מיט דענן
בצייכנטן צעדליך · וועלכי זיא אן דען האלש
הענגן · אונ׳ צוואר אויש אן ווייזונג דעש
תלמוד זעלבשט · צאשט · איש יומא דף פ״ד
הייששט עש · וועלכן איין הונד בייששט · דש
ער דא פֿון שטערבן מעכט · וויא קאן ער
דא פֿון געהיילט ווערדן · עש ענטפֿערט אבא ·
ער נעם איני הויט איינש באזיליזקן · זוא איין
מענליין איז · אונ׳ שרייב דארויף · איך פלוני ·
איין זון דעש וייבש אלמני · אויף איינש
באזיליזקן הויט · זוא איין מענליין איז · שרייב
אויף דיך קאנטי קאנטירו: יהוה יהוה
וכו׳ · אונ׳ נאך דעם זאל ער קליידר אויש
בריישן וכו׳ · זיין דאש ניט טייל אבר
גלויבישי

גלויביטי קינדישי· טיילש גאטס לעסטרליכי
דינגי· אונ׳ פֿר בוטני איט ברויכי דעם טק
השם· פֿון דען גארטטיגן זאכן· דיא דורך
דען תלמוד באלד היא באלד דא צו שטרייט
זיין· אונ׳ גאר צו אופֿנבאר אונ׳ און פֿלעטיג
דיא גהיימניס דער נאטור בשרייבן· דאדרך
מן פֿור לוכטיגן אויגן אונ׳ הערצן היא קיינה
מן פֿירונג טואן:

## שאלה כ״ג

דאס זיין גאטס לעסטרליכי אבן טייארליכי
דינגי· וואס זאגן דיא פֿר שטענדיגי לייט
אונטר דען יהודים דא צו· בפֿרט צו דען
אבן טייארליכן ערציין אונ׳ פֿאבלן:

תשובה· דער גלערטי רא״בם ענטשולדיגט
אין דער יד חזקה זולכי טורהייטן נאך
איגליכקייט· ער שפריכט· עס זייא אין
זולכן צייטן איבליך גוועזן· דס מן דיא
וויכטיגסטן זאכן אונ׳ גהיימניזן אונטר זולכן
משלים פֿר שטעקט האב· דארום איזי אין
עס ניט למשמע ובפשוטו של ענין אלא על
דרך משל וחידה· ניט נאך דער עוזרליכן
ליגרן דעם בוך שטאבנס· זונדרן נאך דעם
אין ווענדיגן קערן דעס פֿר שטאנדס אויס צלעגן·
אונ׳ דער גלייכן דעקמאנטל הענגן אנדרי שפיליג
דאבין

ראבינן דען פאבלן דעש תלמוד מער אום :

## שאלה כ"ד

וואש דינקט דיך היא בייא :

תשובה · איך האלט · עש זייא איין אונטר
טייל אונטר דען אלטן תלמודיסטן ראבינן אדר
יהודים · אונ' דענן נאך פאלגן צו מאכן ·
דיזי לעצטי זיין צוואר בהוטזאמר גוואורדן ·
נאך דעם דיא קריסטן בגונטן גנויאר אין אירי
גהיימניש הין איין צו שויאן · דיא פוריגי
אבר זיין זיכרר גוועזן · אונ' האבן זולכי פר
מיינטי גהיימניסן אונ' וואונדר דינג טיילש
דרייסט הין גדיכטיט · טיילש נאך דעם
פלאטן בוך שטאבן איין פעלטיג הין גגלויבט ·
עש איז יוא צו פר וואונדרן · דא מיט איר
אויך דאש פוריגי איין מעטה אן פירן · דש
דער תלמוד אים חגיגה דף ה' זוא דרייסט
דא הער שרייבט · ומי איכא בכיה קמיה
הק"בה · והאמר רב פפא · אין עציבות לפני
הק"בה וכו' · לא קשיא · הא בבתי גואי ·
הא בבתי בראי וכו · אונ' וויא איז דען איין
ווינן בייא דעם הוך גלובטן גאט · עש פלעגט
רבי פפא צו זאגן · בייא גאט איז קייני
טרויריגקייט · אבר היא איז גאר קייני טווער ·
אן אונז נעמליך איינן אונטר טייל אמאכן צווישן

דען אין ווענדיגן גאעבֿרן אונ׳ דענן אויש
ווענדיגן· אלז וואלט דער תלמוד זאגן· עש
האט דאש וויינן אין דען אין ווענדיגן גאעבֿרן
גאטש פלאן· אבר אין דען אויש ווענדיגן
ניט· וויל און צווייפֿל דאש וויינן· דאש אין
דען אב גלעגנן פֿר בורגן גאעבֿרן גשיכֿט·
פֿון דען מלאכֿים ניט קאן זוא אייגנטליך גהערט
ווערדן· אלז ווען עש אין דען נאה גלעגנן
אופֿנטליכֿן גאעבֿרן גשיה· אונטר דעש
לייכֿטיט אויש דען פֿולגנדן ווארטן· וועלכֿי
אין דעם תלמוד זעלבשט קענן נאך גשלאגן
ווערדן· גאנץ העל צו טאג· דש וואש אל
דא פֿון דעם וויינן אונ׳ הײלן גאטש גזאגט
ווערט· בפשוטו של ענין· נאך דעם בוך
שטאבן· אונ׳ דש עש וואר האפֿטיג זוא זייא·
פֿר שטאנדן ווערדי· וויא דען קיין צווייפֿל
אין· עש האבן דיא ראבינן דאש וויינן גאטש
איבר דאש חרבן וגולה ער דאכֿט· אום
דאש פֿולק פֿון אלן ווידריגן גדאנקן· דיא זיא
דאריבר מאכֿן קענטן· אב צו האלטן· אונ׳
גווישליך· עש איגן דיא פֿולגנדי ראבינן
זולכֿי פֿאבלן אונ׳ מערליין איבר אבֿות קערן אונ׳
ווענדן· וויא זיא וואלן· זוא זיין דוך דיא
ער קלערונגן זוא בוואנד· דש דיא חכמים
אונטר

אונטר דען יהודים זיך זאלכר ערדיכטונגן
זעלבר שטאן· אונ' אום דעסט וועגן וויל
אונטר אנדרן דער געלערטי רא"בע ניט גוט
הייסן· דש מן אים בית קהל פֿיל דא פֿון
זאג· וויל דער גמייני מאן נייארט דען
וואונר אויף שפערט· אונ' זאלכי ערדיכטונגן
בפשוטו אלז ווער עש וואר האפֿטיג זוא גשיאן·
אויך ניאט אונ' פֿר שטיט· אונ' ווש בראוך
עש פֿילר ווארטי· משה ונביאים פֿירן זאלכי
קינדרישי פֿר שטעלונג אונ' מערליין ניט· וואן
הער אויך הירויש קלאר איז· דש אין דען
תלמוד איבר אלז משה אונ' הש"י זעלבר· אלז
ווען זיא אייטטר דא פֿון ווערן· ניט צו
שרייבן קאן:

## שאלה כ'ה

ווש פֿינדן זיך דען מער פֿיר בדענקליכקייטן
ביים דיזם בוך:

תשובה· עש איז יוא בפֿרט אין דער גמרא
אונ' איבריגן ביאורות איבר דיא משנה ניקש
אלז איין שטעטיג פלוגא אונ' ווידר שפרעכן
איינש ווידר דאש אנדר· דש מן אלזוא ניט וויזן קאן
ווש וואהר· אדר אום וואהר· ווש רעכט· אדר
ווש אום רעכט זייא· דען וואז צו דער אייני יוא
זאגט· דא צו זאגט דער אנדרי ניין· אונ' להפך·

וואו צו דער אייני ניין זאגט · דא צו זאגט
דער אנדרי יא · לאזט דינט דאס ערשט אונ׳
לעצט פרק אין דער משנה · זוא פֿאנגט דיא
משנה אן · מאימתי קורין את שמע בערבית ·
משעה שהכוהנים נכנסים לאכל בתרומתן עד
סוף האשמורת הראשונה · דבר ר׳ אליעזר ·
והחכמים אומרים עד חצות · רבן גמליאל
אומר · עד שיעלה עמוד השחר · צו וועלכר
צייט גימן זיא צום אבנד גבעט · צו דער
שטונד · אין וועלכר דיא פריסטר זיך פֿר זאמלט
האבן צו עסן דיא גאבן · דיא אינן גבראכֿט
וואורדן · ביז צום ענד דער ערשטן נאכֿט
וואכֿי · זוא שפריכֿט רבי אליעזר · דיא
ווייזן אבר שפרעכֿן · ביז צו מיטר נאכֿט ·
רבן גמליאל אבר · ביז צו דעם אויף גאנג
דער מורגן רויט · דרויף פֿולגט · מאימתי
קורין את שמע בשחרית וכו׳ וועלכי צייט
איז וואול בשטימט צום מורגן גבעט · דיא
צייט · דא מן איינן בלויאן פֿאדן פֿון
איינם ווייסן אונטר שיידן קאן · רבי אליעזר
וויל · עס זייא דיא צייט · דא מן צווישן
איינר בלויאן אונ׳ גרינן פֿארב איינן אונטר
שייד ער קענן קאן · אונ׳ זייא דאס מורגן
גבעט צו שליסן מיט אויף גאנג דער זוני ·

רבי

רבי יהושע ליהט זולכי לייט הין ביז צו דער
דריטן שטונד · דען אין זולכר שטונד פֿלעגן
דיא קינדר דעש קיניגש אויף צו שטיהן ·
בית שמאי שפריכט · מן זאל דיא אבנד
געבעטר ליגנד · דיא מורגן געבעטר שטיהנד
פֿר ריכטן · בית הילל לערט · איין יעדר
זאל זייני געוואונהייט אין אכט נעמן : אין
זולכן פלוגתות אונ׳ אין אייניגקייטן דער ראבינן
פֿענגט דיא משנה אן · זאש שליסט זיא אויך
אין מסכתא עוקצין · דיא אין לייטיגי פֿייגן
אונ׳ אין רייפֿי טרויבן מאכן נאך דעם אויש
שפרוך ר"ע · דש אין זיך דארמן פֿר אונ
רייניגט · אלז זונשט אין דען וואר האפֿטיגן
שפייזן · רבי יוחנן דער זון נורי שפריכט ·
עש גשיהט נייארט זולכש · ווען דיא לייט
דער צעהנדן דא אויז · ווען דיא אוליפֿן אונ׳
טרויבן אויף גטרוקנט ווערדן · איה זיא פֿוליג
רייפֿי ער לאנגן קענן · זאש העלט דיא זעלבי
דיא שול שמאי פֿור אונ ריין · דיא שול הילל
פֿור ריין · דען קוריאנדר העלט שמאי פֿור
ריין · הילל אן האנג פֿור אונ ריין : גלייכי
ווידריגי מיינונג האבן זיא אויך וועגן דער
צעהנדן : זולכש שפריכט דער תלמוד ·
ווער האט נון אונטר דיזן לייטן רעכט · אונ׳
וואר

וואור נאך זאלן זיך דיא יהודים ריכֿטן אין אירן
איסור והיתר· מיט דעם וואס פֿר בוטן
אונ׳ וואס צו גלאטן איז· דארויף עס דוך דער
תלמוד אונ׳ דיא יהודים לאזן אן קומן· אונ׳ דארין
אירי ריינינגקייט אונ׳ הייליגקייט זוכֿן: האבן
אבר משה ונביאים אין זעלבר אונטר איין
אנדר זולכֿר גשטאלט ווידר שפרוכֿן· אונ׳
זאלט זולכֿי ווידר ווערטיגי לער וואול פֿון איינם
גאט· פֿון איינם משה· פֿון איינם בערג
סיני הער קומן זיין· אונ׳ זאלט אן וואול
דארויף· אלז אויף איינר גוויזי און בוועגליכֿי
גלויבנס אונ׳ לעבנס רעגל זיך פֿעסט קענן
גרינדן אונ׳ דארויף גוויז פֿוזן: עס איז פֿון
דעסט וועגן גאנץ קיין וואונדר· דס דיא צדוקים
זאמט דען פֿירשטן אונ׳ פֿור נעמסטן דעס
פֿולקס זולכֿס און גוויזן וועזנס איר וואורדן·
אונ׳ זיך בלוס אן דיא מקרא גהאלטן האבן·
ניט ווענגר דס נוך ביס אויף דען הייטיגן
טאג דיא קראים צו קונשטאנטינופל אונ׳ פֿילן
אנדרן אורטן אין קדמוני דען תלמוד אלז
אייני ער פֿינדונג פֿון דען ראבינן פֿר ווערפֿן·
אונ׳ זיך בלוס אויף דיא גשריבני תורה ברופֿן·
וואן הערוא אויך אונטר דען ראביניטן אדר
תלמודיטן אונ׳ דען קראיטן אדר שריפֿט יודן
איין

איין און פֿר זיינליכר האז ביש אויף דיזי שטונד
געהעגט ווערט:

## שאלה כ״ו

וואז הער שליזט דוא פֿערנר· דש דער
תלמוד ניט פֿון משה אונ׳ דורך דען זעלבן פֿון
השם הר שטאמן:

תשובה· משה· וויא אויך דיא נביאים
גדענקן מיט קיינם איינציגן וואורט דעש תלמוד·
אדר דש נוך אייני און גשריבני געהיימי אונד
אונ׳ אוהרן לער אויזר דער גשריבנן פֿור האנדן
זייא· אונ׳ נאך עטליכן הונדרט יוא טויזנד
יארן ערשט זאלט אין שריפֿטן דורך דיא
ראבינן גאופֿן בארט ווערדן· ווער אין
זולכש ווערק אין גאטש ראט בשלוזן גוועזן.
זוא ווירד ער גוויזליך זיין פֿולק דארויף גוויזן
האבן· נון פֿינדן מיר אבר ניקט דאפֿון אין
משה ונביאים· דען וואש דיא יהודים דארויש
וואלן פֿיר ברענגן· איז לויטר דונקלש און
גגרינטש ווערק· וויא אובן ער וויזן וואורדן·
פשיטא· משה מאכט דאש בריתֿ צווישן ה׳
וישראל אויף דאש גשריבני אונ׳ מיט אופֿפֿר
בלוט בשפרענגטי ספֿר תורה (שמות כ״ד)·
אלז ער וואלט פֿון דער וועלט אונ׳ זיינם
פֿולק אבשיד נעמן· זוא דראנג ער אויף דיא
גשריבני

גשריבני תורה· ער איבר גאב זיא דען לויטן·
דיא אוטטן זיא אין דיא בונדש לאדי לעגן·
(דברים ל"א)· פֿון דער תורה שבעל פה
זאגט ער אין קיין ווארט· וויא אויך דיא
פֿירשטן אונ׳ קיניגי אוטטן נאך אמאל דיא
תורה שבכתב מיט אייגנר האנד פֿון
נייאם אב שרייבן· ווען זיא שון איין ספֿר
פֿון אירן אבֿות האבן· וויא סנהדרין פרק
ב׳ לייגט: ווען אויך איינר פֿר בעשרונג
אדר רייניגונג דעש גלויבנש אדר גאטש
דינשטש זאלט אן געשטעלט ווערדן· זאו געשאה
עש נאך דער תורה שבכתב· אונ׳ ניט נאך
דעם תלמוד· אדר נאך דער תורה שבעל
פה· וויא אובן אויש מלכים ב׳ כ"ב אונ׳
ד"ה ב׳ ל"ד ער וויזן ווארדן· גאר נאך דענקליך
איז אויך· וואש איר פֿון דעם פֿראמן קיניג
יהושפֿט פֿינדן (ד"ה ב׳ י"ז)· וויא ער· אלז
ער דען וואהרן גאטש דינשט אונ׳ יראת
שמים אים לאנד וואלט אויף ריכטן· דא
האב ער געזאנד זייני פֿירשטן פריסטר אונ׳
לויטן· דאש פֿאלק הין אונ׳ ווידר אין דען
שטעטן יהודה צו לערן· דא שטיט נון
אויש דריקליך אין פסוק ט׳· אונ׳ זיא לערטן
אין יהודה· אונ׳ האטן דאש געזעץ בוך דעש
הערן

הערן מיט זיך· אונ׳ לוגן אום הער אין אלן
שטעטן יהודה· אונ׳ לערטן דאס פאלק· פון
דעסט וועגן אייפרטן אויך דיא נביאים
גוואלטיגליך ווידר דיא פריסטר אונ׳ טריפט
גלערטן· ווען זיא אויזר אטה אונ׳ דיא פון
גאט אויס דריקליך גזאנטי פרופעטן וואלטן
דעם פאלק וואס בייא ברינגן· אלזוא בריכט
הערויס ישעיה בסימן כ״ט התמהמהו ותמהו
וגו׳ ערשטארט אונ׳ ווערדט פר שטירלט·
זייט פרוליך אונ׳ טרייאט· ווערדט טרונקן
אונ׳ ניט פון וויין· טויאלט· אבר ניט פום
שטארקן גטרענק· דען עס האט אויס גגאזן
איבר אייך יי׳ דען גייסט דעס שלוארט·
אונ׳ האט פר שלאזן אייארי אויגן· דיא
פרופעטן אונ׳ אייארי הייפטר· דיא זעהיר האט
ער פר דעקט· אונ׳ עס ווערט זיין אייך אלי
גזיכטי אלז דיא ווארט איינס בוכס׳ זוא פר
זיגלט איז· וועלכס ווען זיא עס געבן ווערדן
איינם דער וויז לעזן· אונ׳ שפרעכן· ליז
נון דיז· אונ׳ ער שפריכט· איך קאנט ניט·
וויל עס פר זיגלט איז· אונ׳ אן גיבט דאס
בוך צו איינם דער ניט לעזן קאן· אונ׳ שפריכט·
ליז נון זולכס· אונ׳ ער שפריכט· איך קאן
ניט לעזן: אונ׳ עס שפריכט דער הער·

דארום

דארום וויל נאהט דיז פֿולק בפיו מיט זיינם
מונד׳ אונ׳ מיט מירן ליפן מאכן זיא מיך גרוט׳
אונ׳ מיר הערץ איז פֿערן פֿון מיר׳ אונ׳ מירי
פֿורכט דא מיט זיא מיך פֿירכטן׳ איז מצות
אנשים גבוט דער מענטן׳ מלמדה׳ זוא
גלערט ווערט׳ דארום זיך׳ איך טוא הין
צו וואונדרליך צו מאכן מיט דיזם פֿולק דאס
וואונדרבאר אונ׳ דאס וואונדר׳ אונ׳ עס
ווערט אונטר גיאן דיא וויזהייט זיינר וויזן׳
אונ׳ דער פֿר שטאנד זיינר פֿר שטענדיגן זיך
פֿר בערגי׳: אונ׳ בסימן ח׳ י״ט וכי יאמרו
וגו׳ ווען זיא זאגן ווערדן צו אייך׳ פֿורשט
צו דען וואהר זאגרן אונ׳ צו דען קליגלינגן׳
וועלכי טוואצן אונ׳ מורמלן וגו׳׳ זאל ניט איין
פֿולק צו זיינם גאט פֿורשן׳ אום דער לעבנדיגן
ווילן זאל אן דיא טוטן (פֿורשן)׳ לתורה
נאך דעם געזעץ׳ אונ׳ נאך דעם צייגניש׳ וואו
זיא ניט זאגן ווערדן נאך דיזם ווארט׳ ווערט
אים קייני מורגן רויט זיין׳ גאר הארט
פֿערט אויך רוח הקודש דיא נביאים׳ דיא
איר אייגן ווארט דעם פֿולק אויף בינדן׳ אן
דורך ירמיה בסימן כ״ג׳ כי גם נביא וגו׳׳
ביידט פרופֿעטן אונ׳ פריסטר זיין היכלר וגו׳׳
זוא טפריכט דער הער צבאות׳ ניט הערט

דיא ווארט דער פראפעטן · זיא בטריגן אייך · דאש גייכט אירש הערצנש זאגן זיא · ניט אויש דעם אונד דעש יי׳ · זיא זאגן איט טפרעכן צו דענן דיא איך לעטטרן · גזאגט האט עש דער יי׳ וגו׳ · דען ווער האט גשטאנדן איק גהייאניש גאטש · אונ׳ האט גזעהן אונ׳ גהירט זיין ווארט · ווער האט אכט גגעבן אויף זיין ווארט · אונ׳ האט עש גהירט וגו׳ · ניט האב איך גזאנד דיא פראפעטן · אונ׳ זיא זיין גלאפן · ניט האב איך גרעדר צו זיא · אונ׳ זיא האבן גוויזאגט וגו׳ · איך הויר עש וואש זאגן דיא פראפעטן · וועלכי וויזאגן אין איינם נאאן לוגן · דא זיא זאגן · איך האב גטרוייאט · איך האב גטרוייאט · וויא לאנג איז איק הערצן דער פראפעטן דיא וויזאגן לוגן · אונ׳ זיין וויזאגר דעש בטרוגש אירש הערצנש · וועלכי גדענקן פֿרגעזן צו אאכן איין פֿאלק איינש נאאנש דורך אירי טרוייק · וועלכי איין יעגליכר ער צעלט זיינם גזעלן · וויא אירי פֿעטר פֿרגעזן איינש נאאנש אין בעל: איין פראפעט אין וועלכם איז איין טרויק · דער ערצעלי טרוייאי · אונ׳ דער יעניגי · אין וועלכם איז איין ווארט · דער דער איין ווארט אין דער ווארהייט · וואש

דער טפרייא איט דעם וויין׳ טפריכט דער
הער׳ איז ניט זוא איין וואורט ווייא איין
פייאר׳ טפריכט דער הער׳ אונ׳ וויא איין
האמר׳ דער צר טלאגן וויר דאיין פעלזן׳
זיך׳ איך איבר דיא פרופעטן׳ טפריכט
דער הער׳ וועלכי טטעלן איין וואורט איין
יעגליכר פון זיינם גזעלן׳ זיך׳ איך איבר דיא
נביאים׳ טפריכט דער הער׳ וועלכי גלינר אאכן
אירי צונגן׳ אונ׳ טפרעכן׳ ער האט גזאגט׳ זיך׳
איך איבר דיא פרופעטן׳ וועלכי ווייזאגן טרוים
דער פאלטהייט׳ טפריכט דער הער׳ אונ׳
ערצעלן זיא׳ אונ׳ אאכן אירן איין פולק דורך
אירי לוגן אונ׳ דורך אירי לייכטיגקייט׳ אונ׳
איך האב זיא ניט גזאנר׳ אונ׳ האב אין ניט
בפולן׳ אונ׳ ניט נוצן זיא דיזם פולק׳ טפריכט
דער הער וגו׳׳ בסימן י״א ווייזט ער גאנץ
אייפריג אויף דיא תורה טבכתב׳׃ זוא
אויך טפריכט דער הער בייא דעם יחזקאל
הנביא כ״ב כ״ו כוהניה חמסו תורתי וגו׳ אירי
פריסטר טון גוואלט איינם גזעץ׳ אונ׳ ענט
הייליגן איין הייליגטום וגו׳׳ אונ׳ דער גלייכן
הייליגן אייפרט וויר דיא אענטן צער׳ וועלכי
אויז דעם גטריבנן אויט דריקליכן וואורט
דעם פולק אנז גאטס וואורט אויף גדרונגן
ווארי זיין אני נביאים פול׃ 

## שאלה כ"ז

וואס האלטן דיא ראבינן איבר מסורה אדר דאס איין געטריבני הויך אונ' אונד געזעץ זעלבר פר דעכטיג:

**תשובה·** אלר דינגט· אויזר דעם דאס שון אובן אן געפירט· פר ווירפט זיך דער תלמוד זעלבר· אין דעם ער אייטן טייל בטטיט אויט ווידר ווערטיגן שפריכן אונ' געזעצן דער ראבינן· דא אין אונטר לאז איין לערר דעם אנדרן ווידר שפריכט· אונ' וואס דער אייני פור וואהר אונ' גוט האט אן געטריבן· דאס פר ווירפט דער אנדר· אונ' איזן אלזוא נאך אייגנר בקענטניס דיזר זעלבר· איין הויפן אן וואהרהייטן אים תלמוד זיין· דען צו גלייך קאן זולכש אליס ניט וואר זיין· יוא דיא ראבינן אים תלמוד אונ' דיא שון זיין איין אנדר דער אמון צו ווידר· דס זיא איין אנדר אויפש אוייזרשט גהאזט· פר דאאט· פר פלוכט אונ' פר באנט האבן· איך וויל ניט ווידר הולן· וואס אובן אין דער שאלה ט"ז גזאגט איז פון דען צדוקים אונ' פרושים· וויא וואול זיא ביידר זייטש וואהרן תלמידים דער אבות התלמוד· זונדרן אן ברענק נייארט דיא העפטיגן פלוגתות אונ' שטרייטיגקייטן דער ביידן

ביידן אים תלמוד הוך בריאטן גרוטן ראבינן
הילל אונ׳ שמאי זאמט דערן טולן׳ דא פֿון
טון אובן בשמלה י״ז געהאנדלט ווארדן אינ׳
און פֿר וואנדרונג קאן אן אויך ניט לעזן׳
ואט דער תלמוד אין בבֿא מציעא דף נ״ט
ער לעלט: עט לאנקטן זיך נעמליך דיא ראבינן
פֿון איינר געוויזן ארט איפֿן׳ אוב נעמליך
דיא זעלבי קענטן אייניגי און רייניגקייט אן
נעמן׳ דט זיא פֿור און ריין לו אכֿטן וערן׳
רבי אליעזר זאגט ניין׳ דיא איבריגי ראבינן
זאגן יוא׳ אליעזר טאט לייכֿן אונ׳ וואונדר
לו בקרעפֿטיגונג זיינר איינונג׳ דיא אנדרן
קערטן זיך ניקט דאראן׳ זונדרן טאטן
אליעזר אין דען באן׳ אונ׳ פֿר ברענטן אלי זייני
דוניין׳ דיא ער פֿון דען ריינן דינגן געגעבן
האט׳ וויא דיזר זולכֿט פֿון רבי עקיבֿא פֿר
נאם׳ לו ריט ער זייני קליידר׳ ווארף זיך
לור ערדן׳ אונ׳ ויינט ביטרליך׳ דא ענטשטונד
אויף דעם גאנלן ערד בודן איין גרויזאמט
געויטר׳ דא דורך דער דריט טייל פֿון אוליפֿן׳
וויילן אונ׳ גערשטן פֿר דורבן ווארד׳ דער
טייג פֿר פֿוילטי אין דען הענדן דער באקרן
הויז איטר׳ עט ואר אויך זונשט איין גרוט
יאאר אויף דעם ערד בודן׳ דען ווא אליעזר
איט

מיט זיינן אויגן הין זאך· דא וואורד
אליט איט פייאר פר בראנט· רבי גמליאל
זעלבשט· אלז ווערכר דא צו מאל ראש הישיבה
וואר· דא רבי אליעזר אין דען באן גטאן
ווארד· פור עבן דא צו מאל אויך דעם מער·
דא ענט שטונד איין זולכט אונגשטים· דש
גמליאל· וואו ער ניט גאט אים גבעט זייני
אונשולד פור גשטעלט העט· אונ' דא דורך
דאש וועטר גשטילט· אום גקומן ווער·
הין געגן פיאל אויך אליעזר איינשט אויף דיא
ערד· אונ' בעטיט· דא וואורד גמליאל·
און גאכט ער איין ברודר וואר דעש וויבש
אליעזר· פלוצליך גטויט· ווער
האט נון פון דיזן לייטן רעכט· אלי קונטן
זיא יוא ניט צו גלייך רעכט האבן· זונשט
העטן זיא און רעכט גטאן· דש זיא איין
אנדר פר באנט אונ' גטוידט· דוך ווארנש
אלי גרושי תלמודישי ראבינן· אונ' מייסטר פון
ישראל· אונ' דיאן זיך גרושר לייכן· בפורט
דער אין חרם גטאני אונ' פר דאמטי אליעזר·
זינטמאל זוא גאר דיא בת קול זעלבר מיט
איינר שטים פום הימל· וויא אך אן גלוגגן
אורט שטיט· דעם זעלבן ביא פאל· היא
ביא איז ניט צו פר געזן· דש רבי גמליאל·

וויא אם אן גפֿירטן אורט גזאגט ווערט · אלז
ער אין דעם אונגטטים דעט מערדט צו גאט
גבעטיט · אים פֿור גטטעלט · ער האב
דען אליעזר אום דער עהר גאטט ווילן · אונ׳
בלוט פֿון דעטט וועגן אין חרם גטאן · דא
איט דיא טטרייטיגקייטן אונטר דען יהודים
ניט מעכטן פֿר מערט ווערדן · אלזוא האט
גמליאל זעלבטט זאגט דעם בית הישיבֿה טון
דא צו מאל ער קאנט · עט טויגטי דאט פֿילי
טטרייטן דער ראבינן ניט · אונ׳ דוך האט
עט הער נאך מאלן נוך עצליכי הונדרט יאר
גדויארט · אונ׳ בטטיט אויז זולכֿן צאנקרייאן
דער ראבינן גוטן טייל דער תלמוד · עט
האט אבר ניט אליין דאט גרוטי גלענק דער
טולן עצליכֿן קלוגן מענרן אונטר דען יהודים ·
וועלכֿי אין דעם תלמוד גריאט ווערדן · איז
פֿאלן · זונדרן אויך דיזיט · דט דער פֿעטר
קבלה אונ׳ דבֿרים דער תורה פֿור גלוגן וואורדן ·
וויא דער תלמוד אין בבֿא מציעא פרק ז׳
זעלבר טפריכֿט · מפני מה חרבו סנוורת
של בית היני ג׳ שנים קודם ירושלים · מפני
שהעמידו דבריהם על דברי תורה · ווארום
איז דאט גריכֿט הויז צו בית היני דרייא יאר
פֿור ירוטלים פֿר טטוירט · דארום וויל זיא
דיא)

(דיא ריכֿטר אונ׳ בייא זיצר) אירי ווארטי דען
ווארטן דער תורה פֿור גזוגן האבן :

## שאלה כ״ז

מאכֿט זיך דער תלמוד נוך ווייטר פֿר דעכֿטיג ·

תשובה · יאה · עס איז איבר אל בקאנט אויס דעם תלמוד אונ׳ מסכת יומא פרק א׳ דש אונטר דען פֿינף שטיקן · דיא דעם אנדרן היכֿל גפֿעלט · איז גוועזן רוח הקדש זאמט אורים ותומים · דיז בקענט אויך סנהדרין פרק א׳ · תנו רבנן · משמתו נביאים האחרונים · חגי זכריה מלאכי · נסתלקה רוח הקדש מישראל · עס זאגן אונזרי רבנין · נאך דעם גשטארבן זיין דיא לעצטן פראפֿעטן · חגי זכריה ומלאכי · איז דער הייליגי גייסט פֿון ישראל גוויכֿן : אין דעם זא · וויא קאן אן דען פֿר זיכֿרט זיין · דש דיא רבנין ווענכֿי אונטר דעם אנדרן היכֿל אונ׳ נאך דען נביאים אין יהודה אונ׳ בבֿל בייא דיא אכֿט הונדרט יאהר הער נאך · אונ׳ היא דורך אין גאר גרוסר ווניגי גלערט האבן · אונ׳ אויס דערן לער אונ׳ רעכֿט שפריכֿן דער תלמוד איז צו זאמן גטראגן · דש · זאג איך · דיא רבינן האבן רעכֿט גלערט אונ׳ גשפרוכֿן : בפֿרט דא דער הייליגי גייסט צו אירן צייטן פֿון ישראל וואר גוויכֿן · עס זעלט צוואר דער

תלמוד אם אן גפֿירטן אורט הין צו · זיא העטן
זיך דא צו אמל דער בת קול אדר היאלט
שטים גברויכט · אונ׳ ברופֿט זיך דער תלמוד
אונטר אנדרן אויף הילל · אבר ווען דיא
בת קול אין גיגנווארט אנדריר ערטונן :
אבר אלז דער תלמוד דיז טריב · וואר הילל
שון עלליכי הונדרט יאר טוט · וואס וואוסטן
דען דיא ראבינן · דיא דען תלמוד מאכטן ·
דא פֿון · וואס צו הילל צייטן גשיאן · אויך
דיא זעלבט זעלטן גזעהן אונ׳ גזאגט האבן ·
זיין הילל תלמידים גוועזן · וואס זאגט אבר
שמאי אונ׳ דעזן תלמידים דא צו · ווילט אלזוא
דאס בלוזי זאגן אין זעלבן וויכטיגן זאכן ניט
אויס מאכן : זונשט פֿינדן זיך זעלכי דינגי
אים תלמוד · ועלכי דיא בת קול זול גרעדט
האבן · דט אין ביליך בייא זיך אן שטיאן
אונ׳ פֿראגן אונז · פֿון וואנן זעלכי שטים גקואן ·
גוויז · אין קורץ צו פֿור אן גצוגנם אורט אויס
דער בבא מציעא · אלז רבי אליעזר זיך אין
בווייזונג זיינר מיינונג אויף דיא בת קול בריף ·
ליז זיך דיא בת קול הירן אונ׳ שפראך · וואס
האבט איר מיט רבי אליעזר צו טאפֿן · זייני
מיינונג פֿינדט פלאץ אן אלן אורטן · דא טראט
רבי יהושע אויף זייני פֿיס · אונ׳ ווידר שפראך
דער בת קול · (עס שטיט גשריבן אים געזץ ·

דברים ל' פסוק י"ב) זיא איז ניט אים הימל ·
עס זעלט דער תלמוד הינצו · וואס איז דער
פֿרשטאנד פֿון דיזן ווארטן · זיא איז ניט אים
הימל · עס ענטפֿרט רבי ירמיה · עס זייא
פֿור לענגסט דיא תורה אויף דעם בערג סיני
געגעבן · איר פֿראגן פֿיל נאך דער בת קול ·
וואס וואר דאס אויך פֿור איינע ענטפֿערט :
וועלכי דיא בת קול אין מסכת עירובין גאב ·
אלז זיך דיא שולן הלל ושמאי גאנצר דרייא
יאר איבר איינר פֿראג ערגרליך מיט איין
אנדר געזאנקט האטן · דא דיא בת קול דיז
ווארטל שפראך · אלו ואלו דברי אלהי' חיים ·
זוא וואול דיז אלז יענס זיין ווארט דעס
לעבנדיגן גאטס · דאס איז · זיא האבן ביידי
רעכט · עס איז גלייך · אלז ווען געזאגט
ווערט · קין האט זיינן ברודר הבל ערשלאגן ·
אונ' האט אין ניט ערשלאגן · ער האט ניט
רעכט דארן געטאן · אונ' האט דאך רעכט
דארן געטאן · ביידס זיין ווארט דעס
לעבנדיגן גאטס :

## שאלה כ"ח

וואזוא געבן דיא ראבינן זעלבר ווייטר צו
פֿרשטיהן · דש דער תלמוד ניט פֿון משה אונ'
דעם בערג סיני הער שטאמי אונ' קומי:

תשובה· זיא זאגן דער תלמוד בגרייפֿט
פֿינפֿרלייא ארטן דער מסורות אדר לערן
דער אלטן אין זיך· (א) דיא ערקלערונג
דער גבוטי גאטס· וועלכי הטם זעלבר משה
געגעבן האט· (ב) דיא זונדרבארן זאגונגן
משה· וועלכי ער אויף דעם בערג סיני פֿון
השי׳ עמפֿאנגן· גנאנט הלכות למשה מסיני·
דיא זאגונגן משה פֿון סיני· (ג) דיא
זאגונגן· וועלכי אויס דען דרייצעהן מדות· דא
אן איינס אויס דעם אנדרן שליסט· פֿון דען
ווייזן אלטן הערויס גצוגן זיין· (ד) דיא
גריכט שליסי· וועלכי דיא ווייזן מבות אין
איינם יעדן עולם גמאכט· אום איין סייג
אדר צוין אום דיא תורה צו ציהן· (ה)
דיא געוואנהייטן· וועלכי מיט אלגמיינר בווילּיגונג
אדר גברויך זיין אן גנומן וואורדן· וויא
דא פֿון וויטר ביים דעם רמב״ם אין יד חזקה·
אונ׳ אין הלכות עולם נאך צו שלאגן איז· נון
זיאהט מן יוא לייכט· דש אויס דיזן פֿינף
ארטן דער מסורה נייארט דיאביידן ערשטן
פֿור אייגנטליך אלזוא גנאנטי מסורות אן צו
זעהן זיין· וויל דיא זעלבי און מיטלבארר
וויז למשה אויף הר סיני זאלן געגעבן זיין·
אונ׳ משה זול זיא אויס דריקליך אונ׳ מיט זוא פֿילן
וואורטן

וואורטן דעם יהושע · אונ' פאלגנדט דען זקנים
געגעבן האבן · דיא איבריגן דרייא ארטן
אבר ווערדן גיינארט פאלגנט וויז דורך דיא
י"ג מדות אויט דער געטריבנן תורה הערויט
געפירט · אדר זיא זיין גאר זעלבי זאלונגן ·
אדר אויך גיינארט בלוזי געוואונהייטן · וועלכי
וואו ניט ווידר דוך אויזר אונ' געבן דער
תורה פון דען אבות זיין איין געפירט וואורדן:
ווייל נון דעם זוא איז · נאך דער ראבינן
איינגן ערקלערונג · זויא זאלט דען דער
גאנצי תלמוד פון דעם בערג סיני · אונ' פון
גאט זעלבר אויט דריקליך ביד משה דורך
המסורה שבעל פה הערקומן · היא
קומט נוך דאלזי · דט וואט דיא יהודים פון
דער תורה טבעל פה אמיני פור געבן · מיט
דער טאט זעלבשט ניט איבר איין שטימט ·
דען זאלט עט זיין תורה לא שבכתב · אלא
שבעל פה · אונ' וועלכט זאלט גיינארט אינרליך
אונ' הייאליך זיין אונ' בלייבן · נאך דעם פור
געבן דער ראבינן · ווארום האבנט דען רבי
יהודה אונ' רב אשי אופגבאר געאכט · אונ'
עט אין אופנטליכי טריפטן אונ' ספרים · דיא
אין לעזן קאן · פר פאזט:

## שאלה כ״ט

וואנט דען איין זולכי בוואנדניש מיט דעם
תלמוד האט· ווארום איגן דען וואז דיא
ראבינן דען לייטן ביים גבראכט האבן· דער
תלמוד קווי׳ אסיני אונ׳ פֿון הטי׳ זעלבר ביך
משה הער:

תשובה· דיז וואלט ניט אנדרש זאגן דיא
אב זיכט· וועלכי דיא מענר· דיא דען תלמוד
אמכטן· האטן· דיא יהודים טרייבן זעלבר·
וויל רבי יהודה מיט דעם בית דין אונ׳ טאג
וואהר גנואן· וויא דיא יהודים אין אלי
וועלט אונטר דיא גוים פֿר שטרייאט ווארדן·
אונ׳ דא הער אן איגליך וואר· דש דיא ביז
הערואה הייאליך גוועזני קבלה ווייטר אונטר
דיא יודנשאפֿט אונ׳ דערן קינדר דורך בלוט
ערלעגן אונ׳ הויר זאגן פֿורט גפֿלאנלט ווערדן
קענט· זוא זיין ניטיג גוועזן· דיא אמורה
דער פֿעטר אינט כתוב צו ברינגן· אונ׳
אין איין אורדנטליכט ספרי· זוא נאך אאלט
דער תלמוד גנאנט ווארד· איין צו ציבכן·
דא מיט זיך דיא גזאאטי דורך דיא וועלט
צר שטרייאטי יודנשאפֿט דארנאך ריכטן קענט·
וויא האט דיז פֿור נעאן אבר קענן אויאר אעהר
דען צוועק ער רייכן· ווען ניט דיא לייט ווערן
ברעדט

בערט וואורדן· עס קען דיז ספר פון השם
ומשה הער· דען עס ווער פור אור אלטן
לייטן על ההר סיני גאופנבארט· אול
פולגליך ביד על יד ובפי על פי דורך איינע
געהייאי מסורה וקבלה ביז אויף זולכי לייטן
פורט גפלאנצט· אויך גאב עס איין גרוס
יוא פאזט געטליכט אן זעהן דען ראבינן·
ווען אן איר למוד ודינין אלז איינע תורה
פון גאט אול אשה אן נעאן אוזטי· עס
פר גלייכט יוא דאס דיא אסכת סוטה זעלבר
בפרק ג׳ איין קצת פרושים· וועלכי דוך
דען פורנעאסטן הויפן פון דען ראבינן איס
תלאוד אאכן· דעם שכם· וועלכי אירי
עהר אול אייגן נוץ דער עהר גאטס פורציגן·
דא זיא טפריכט· פרוש שכמי· זה
העושה מעשה שכם· דער טיבאיטיטי
פאריזייאר איז דער· זוא דיא ווערק טיכם
טוט· דאס פירוש טפריכט· מעשה שכם·
שמלו שלא לשם שמים· אף זה מעשיו·
לתנאתו שיכבדוהו בני אדם ולא לשם שמים·
דאס ווערק שכם· וועלכר זיך בטניט ניכט
דעם גאט אים היאל· זונדרן דיז וואר זיין
ווערק· אום זיינט נוצנס ווילן· אול דס
דיא אענטן קינדר אין אעכטן עהרן· אול

ניט דען גאט דעט היאלט· (זוא אויך דער פריזיימר)· אונ׳ דער גלייכן אירדישי אב זיכטן (דאט איך ניקט זאג פון דער און גלאהרטיקייט איין פאלט אדר אנדרן און פעהיגקייטן עזלייכר ראבינן אים תלמוד· וויא דען רבי יוחנן· וועלכר דען תלמוד ירושלמי גמאכט· איז איין שוסטר גוועזן· וויא רבי משה אין דער הקדמה אין יד חזקה שרייבט· ריש לקיש איין הוך בריאטר תלמודיטר לערר איז גוועזן איין זולדאט אונ׳ פירר דער שטראזן רויבר)· אלזו אונ׳ דער גלייכן אירדישי אונ׳ פליישליכי בגירדן אונ׳ אב זיכטן· זאג איך· טוהן זיך הין אונ׳ ווידר ביים דען ראבינן· זוא וואל אין דער משנה אלז גמרא הער פור:

## שאלה ל׳

גשיכט עס דען וואל אין זולכר הין אונ׳ אנדרן אירדישן אפעקטן· דש דיא תלמודישי ראבינן אירר זעלבסט פר געזן· אונ׳ דאש יעניגי· וואס זיא גדענקן דורך גרוש אמכונג אירר לער פעסטט צו שטעלן· און בראכטזאמר וויז ווידר נידר רייזן· אונ׳ אלזוא דעם תלמוד דען הערלנט שטוז געבן:

תשובה· עס ער העלט זולכט ניט. אליין אויש דעק· וואש טון הין אונ׳ ווידר אן גפירט איז·

איז· זונדרן איינן הויפטשטרייך ברינגט אים
זעלבר דער באבֿילוניטי· דאס איז דער הויפט
תלמוד· בייא אין גמרא סנהדרין דף כ"ד·
א"ר אושיעה· מאי דכתיב· ואקח לי שתי
מקלות· לאחד קראתי נועם· ולאחד קראתי
חובלים· נועם אלו תלמידי חכמים שבארץ
ישראל· שמנעימים זה לזה בהלכה· חובלים·
אלו תלמידי חכמים שבבבל· שמחבלין זה לזה
בהלכה· ויאמר אלי· אלה בני היצהר
העומדין וגו׳ יצהר· א"ר יצחק· אלו תלמידי
חכמים שבארץ ישראל· שנוחין זה לזה בהלכה
כשמן זית· ושנים זתים עליה· אלו תלמידי
חכמים שבבבל· שמרירי זה לזה בהלכה כזית·
כתיב· ואשא עיני· וארא· והנה שתים נשים
יוצאות· ורוח בכנפיהם· ולהנה כנפים
ככנפי החסידה· ותשאנה האיפה בין השמים
ובין הארץ· ואומר אל המלאך הדובר בי·
אנה הנה מוליכות את האיפה· ויאמר אלי·
לבנות לה בית בארץ שנער· אמר ר׳ יוחנן
משום ר׳ שמעון בן יוחאי· זו חנופה וגסות
הרוח שירדו לבבל· וגסות הרוח לבבל נחית·
והאמר מר· עשרת קבין גסות ירדו לעולם·
תשעה נטלה עילם· ואחת כל העולם כלו· אין·
לבבל נחית· ואישתרביב הוא· ואישתרבב
לעולם·

לעולם · דיקא נמי דכתיב · לבנות לה בית בארץ שנער · שמע מיניה · וגסות לבבל לא · והאמר מר · סימן לגסות הרוח עניות · ועניות לבבל נחית · מאי עניות · עניות דתורה : דכתיב · אחות לנו קטנה ושדים אין לה · וא"ר יוחנן זה עילם · שזכתה ללמוד · ולא זכתה ללמד · מאי בבל · א"ר יוחנן · בלולה במקרא · בלולה במשנה · בלול׳ בתלמוד · במחשכים הושיבני כמתי עולם · א"ר ירמיה · זה תלמודא של בבל · עש זאגט רבי אושעיה · וואש איז דאש גשריבן אין · אונ׳ איך נאהם מיר צווייא שטעבי · דען איינן נענט איך נועם ליבליכקייט · אונ׳ דען אנדרן חובלים פרדערבר · נועם · דיז זיין דיא שוילר דער וויזן אים לאנד ישראל · וועלכי ליבליך זיין אונטר איין אנדר אין דען זאצונגן · חובלים · דיז זיין דיא שוילר דער וויזן אים לאנד בבל · וועלכי זיך אונטר איין אנדר פֿר דערבן אין דען זאצונגן · אונ׳ ער שפראך צו מיר · דיז זיין דיא קינדר דעש אויל בויאם · וועלכי שטיאן וגו׳ אויל בויאם · עש זאגט רבי יצחק · דיז זיין דיא שוילר דער וויזן אים לאנד ישראל · וועלכי גלינד זיין אין דען זאצונגן וויא איין אויל פֿון

אויל

אויז בוים· אונ׳ צווייא אויז בוים נעבן אים·
דיז זיין דיא טוילר דער ווייזן צו בבל· וועלכי
ביטר זיין צו איין אנדר אין דען זאצונגן וויא
אייני אוליפֿי· עס שטיט גשריבן· אונ׳
איך הוב אייני אויגן אויף אונ׳ זאה· אונ׳ זיך·
צווייא ווייבר דיא הערפֿור גינגן· אונ׳ ווינד
וואר אין איירן פֿיטיפֿן· אונ׳ איירי פֿיטיך
וואָרן אלז פֿיטיך איינש שטורכש· אונ׳ זיא
טרוגן דיא איפֿה צווישן הימל אונ׳ ערדן· אונ׳
איך שפראך צו דעם ענגל· דער מיט מיר
רעדט· וואו הין טראגן זיא דיא איפֿה·
אונ׳ ער שפראך צו מיר· צו בויאן אים איין
הויז אים לאנד שנער· עס זאגט ר׳ יוחנן
אים נאמן שמעון בן יוחאי· דאס איז דיא
הויכלייא אונ׳ הופֿארט דעס גייסטס·
וועלכי הין אונטר גשטיגן זיין גין בבל· וואס·
איז גבראכט דיא הופֿארט דעס גייסטס נאך
בבל· אבר זאגט ניט אר׳· צעהן פֿיר פֿאז
הופֿארט זיין הער אונטר קומן אין דיא וועלט·
נוין זיין גטראגן נאך עילם· אונ׳ איינס אין
דיא גאנצי וועלט· זא איז עס· נאך בבל איז
זיא גטראגן· אונ׳ האט זיך הוך ער הובן צו
עילם· אונ׳ איז אויך צו מערקן· וואס גשריבן
שטיט· צו בויאן אים איין הויז אים לאנד
שנער·

שנער׃ פֿרשטיהי פֿון אים׃ אונ׳ האט בבל
קייני הופֿארט׃ אבר זאגט ניט אר׳ אין
צייכן דער הופֿארט דעש גייששט איז ארמוט׃
אונ׳ דיא ארמוט איז גין בבל גבראכט. וואש
פֿור אייני ארמוט׃ דיא ארמוט דעש גזעצש׃
וויא גשריבן שטיט׃ איר האבן איין קליין
שוועשטרכן׃ אונ׳ זיא האט קייני ברושטי׃
אונ׳ עש זאגט רבי יוחנן׃ דיז איז עילם׃
וועלכש פֿר דינט האט אדר ווירדיג איז ללמוד
צו לערנן׃ אונ׳ ניט טיכטיג אדר ווירדיג ללמד
צו לערנן׃ (היא ווערט גשטיכלט אויף דען
תלמוד צו בבל)׃ וואש איז בבל׃ עש שפריכט
רבי יוחנן׃ בלולה׃ אייני אענגרייא אין דער
מקרא׃ בלולה׃ אייני אענגרייא אין דער
משנה׃ בלולה׃ אייני אענגרייא אים תלמוד
בבלי׃ ער האט איך איינש פֿינשטרניז גזעצט
וויא דיא טוטן דער וועלט אדר איביגקייט׃
עש זאגט רבי ירמיה׃ דיז איז דיא לימודה
(דער תלמוד) צו בבל׃ דיז זיין וואורט
דעש תלמוד בבלי׃ וואו דאש ניט הייסט
מיט שאול אין זיין אייגן חרב פֿאלן׃ זוא
וויז איכש ניט׃ בפֿרט גיבט עש דעם
תלמוד דען לעצטן הערצנש שטוז׃ ווען מן
דיא וואורט זכריה׃ וועלכי דער תלמוד אם
מן

אן גלוגן אורט אויש גלאזן · דא בייא זעלט ·
ויצא המלאך וגו׳ אונ׳ עש גינג הערויש
אין ענגל רעדנד מיט איר · אונ׳ שפראך צו
איר · העב דייני אויגן אויף אונ׳ זיך · וואש
איז דיז · דאש הערויש גיט · אונ׳ איך שפראך ·
וואש איז עש · אונ׳ ער שפראך · דיז איז
דיא איפה זוא הערויש גיט · אונ׳ ער
שפראך · דאש איז איר אויג אויף דעם
גאנצן ערד בודן · אונ׳ זיך · איין צענטנר
בלייא ווארד גטראגן · אונ׳ דיז איז איין וייב ·
זוא דא זיצט מיטן אין איפה · אונ׳ ער
שפראך · דיז איז דיא בוזהייט · אונ׳ ער ווארף
זיא מיטן אין דיא איפה · אונ׳ ווארף
איינן שטיין בלייא איבר אירן מונד ·
דא האט דער תלמיד
זייני אב פרטיגונג:

* * *
* *
*

אונ׳ ישוע וואר איינן טר אויס טרייבן (אויט
איינם זאלכן)׳ וועלכר שטום וואר׳ אונ׳
אלז דער טר אויס גינג׳ רידיטי דער שטואר׳
אונ׳ אליש פאלק פר וואונדרטי זיך זער: טו
אבר איין טייל פון אינן שפראכן׳ דש ער
אויס טרייבט דיא רוחות דורך (דיא עבודה
זרה) בעל זבוב׳ אלז דורך דען אויברשטן
פון דען טריס: טז אונ׳ אנדרי פר זוכטן אין׳
אונ׳ בגערטן פון איס איין צייכן פון הימל׳
יז אונ׳ ער (ישוע)׳ אלז ער גזעהן אירי
גדאנקן׳ שפראך ער צו אינן׳ איין איקליכש
קיניגרייך׳ צווישן וועלכם צאנק איז׳ דאס
זעלביגי ווירד פר וויסט׳ אונ׳ איין הויז ווירד
איבר דאס אנדרי פאלן (ווען צאנק אונ׳ קריג
דרינן איז): יח אונ׳ ווען אויך צווישן דעם
שטן קריג איז׳ וויא ווירד זיין קיניגרייך
בשטיאן קענן׳ דען איר זאגט׳ דש איך
דיא רוחות אויס טרייב דורך בעל זבוב: יט
אונ׳ ווען איך דיא רוחות דורך בעל זבוב אויס
טרייבי׳ וואו דורך טרייבן זיא אייערי קינדר
אויס׳ דארום ווערדן זיא אייך ריכטן: כ
ווען איך אבר דיא רוחות אויס טרייב דורך
דען פינגר גאטש׳ פר וואר׳ זא איז דאס
קיניגרייך

קיניגרייך פון הימל צו אייך גקומן: כא ווען
איין שטארקר מאן גגורטט מיט זיינן שטרייט
גפעסן היטט זיינן הויז· ווערדן אלי זייני
גיטר אין פרידן זיין: כב ווען אבר איין
שטארקרר מאן קומט אלז ער· אונ׳ בצווינגט אין·
אלז דען נעמט ער וועק פון אים זייני שטרייט
גפעס· אויף וועלכן ער זיך פר זיכרט האט·
אונ׳ ער טיילט אויס דען רויב: כג אונ׳
ווער ניט מיט מיר איז· דער איז ווידר מיך·
אונ׳ ווער ניט איין זאמלט מיט מיר· דער צו
שטרייאט: כד ווען איין רוח טומאה
אויס דעם מענשן אויס גיט· זא גיט ער
אין דיא ווישטי ערטר· אונ׳ ער זוכט רוא·
אונ׳ פינדט זיא ניט· אונ׳ ער (דער רוח)
שפריכט· איך וויל ווידר קערן אין מיין הויז·
אויס וועלכם איך אויס גגאנגן בין: כה
אונ׳ ער קומט ווידר· אונ׳ ער פינדט עס
(זייני ערשטי וואונונג אין דעם מענשן) אויס
גקערט מיט איינם בעזן· אונ׳ גרייניגט: כו
דען קומט ער· אונ׳ ער נעמט זיבן אנדרי
רוחות· דיא שלימר זיין אלז ער· אונ׳ זיא
קומן אלי· אונ׳ זיא רואן דא זעלבשט· אונ׳
עס ווירד דאס לעצטי פון דיזם מענשן ערגר·
אלז זיין אן פאנג: כז אונ׳ עס גשאך· אלז
ער

ער דיזי וואורטי רידיטי׳ האט איינה פרויא
אונטר דעם פאלק אירה שטים אויף גהויבן׳
אונ׳ צו אים גשפרוכן׳ וואול דעם לייב׳
וועלכר דיך גטראגן האט׳ אונ׳ וואול דענן
בריסטן׳ וועלכי דוא גזויגט האסט: יכח
אונ׳ ער שפראך׳ אבר׳ וואול דענן׳ דיא
דאש וואורט פון גאט הערין׳ אונ׳ היטן עש:
כט אונ׳ אלז איין גרוסה מענגי פון פאלק צו
אים גפלאסן ווארי׳ האט ער אן גפאנגן צו
אינן צו רידן׳ אונ׳ שפראך׳ דיזש גשלעכט
איז בוזי׳ אונ׳ פר לאנגט איין צייכן׳ אבר
עש ווירד אים קיינש גגעבן ווערדן׳ אלז נור
דאש צייכן פון יונה הנביא: ל דען גלייך
וויא יונה איין צייכן וואר צו דענן לייטן צו
נינוה׳ אלזוא ווירד דער מענשן זון זיין צו
דיזש גבירד: לא דיא קיניגין פון שבא
ווירד אויף שטין אים גריכט מיט דענן לייטן
פון דיזש גבירד׳ אונ׳ זיא (דיא קיניגין פון
שבא) ווערט זיא (דיא לייטי) בשולדיגן׳
דען זיא (דיא מלכה שבא) איז גקומן פון
דענן ענדן דער ערדן׳ אום צו הערין דיא
קלוגהייט פון שלמה (מלכים א׳ סימן יוד)׳
אונ׳ נון׳ היער איז איינר׳ דער מעהר איז
אלז שלמה: לב דיא לייטי פון נינוה ווערדן
אויף

אויף שטין מיט דיזם גשלעכט אן דעם יום
הדין · אונ׳ זיא ווערדן זיא בשולדיגן · דען
זיא זיין ווידר צוריק גקערט פֿון אירן בוזן ·
איבר דאש רופֿן יונה (יונה סימן ג׳) · אונ׳
נון · היער איז איינר · דער מער איז אלז
יונה · (אונ׳ דאך וואלן זיא איינן וואורטן ניט
אאמין זיין · אונ׳ תשובֿה טון): לג אונ׳
קיין מענש צינדט איין ליכט אן · אונ׳ טוט עש
אין דאש פֿר בארגני · אדר אונטר איין מאש ·
נייארט ער זעלט עש אויף איינן לייכטר ·
אויף דש · דיא הריין קומן · דאש ליכט זעהן
מעגן: לד דאש ליכט פֿון דעם לייב איז
דאש אויג · אונ׳ ווען דיין אויג איין פֿעלטיג
אונ׳ רעכטפֿערטיג איז · אלז דען ווירד דיין
גאנצר לייב ליכט זיין · ווען אבר דיין אויג
בוז איז · ווירד דיין גאנצר לייב פֿינשטרניס
זיין: לה דארום היטי דיך · דש ניט
דאש ליכט · וועלכש אין דיר איז · פֿינשטרניס
זייא: לו דען · ווען דיין גאנצר לייב ליכט
זיין ווירד · אהני איין טייל פֿון דער פֿינשטרניס ·
אלז דען ווירד דער גאנצי לייב ליכט זיין ·
אונ׳ אלז איין גלאנץ פֿון בליץ ווירד ער דיך
ערלייכטן: לז אונ׳ עש גשאך · אלז ער
רעדיטי · האט אין איינר פֿון דען פרושים
גבעטן ·

גבעטן איט אים צו איטאג צו עסן · און ער (ישוע)
קאם · און זעצטי זיך צו טיש : לח און דער פרוש
האט דיזט געזעהן · און ער האט זיך פֿרוואונדרט ·
וייל ער זייני הענדי ניט געוואשן האט פֿור דעם
עסן : לט און דער העד (ישוע) שפראך
צו אים · (צו דעם פרוש) · נון איר פרושים ·
רייניגט דיא בעכר און דיא טישן פֿון אויסן
ווענדיג · און וואס אין אייך איז · דאס איז
פֿול רויב און ביזט : מ וואי (איבר אייך)
נארין · פֿר וואר דער יעניגי · וועלכר געמאכט
האט דאס פֿון אויסן ווענדיג · האט אויך
דאס פֿון אינן ווענדיג געמאכט : מא אבר
גיבט צדקה פֿון דעם · וואס איר האבט ·
זוא ווירד אייך אלים ריין זיין : מב אבר
וואי אייך פרושים · דיא איר מעטר גיבט
פֿון איננן קרויט · און פֿון רויטא · און פֿון
אלן גרינן קרויט · (וועלכי פטור זיין פֿון
מעטר) · און איר איבר פֿארט דאס גריכט
און דיא ליבה פֿון גאט · דיזי זאכן
זיין צו טון · און דיזי ניט צו פֿר לאזן : מג
וואי אייך פרושים · דען איר האבט ליב צו
זיצן מויבן אן · אין דענן טולן · און געגריסט
צו ווערדן אויף דען גאסן : מד וואי אייך
סופֿרים · און אייך פרושים · איר טאייכלר ·

דען

דען איר זייט וויא דיא פֿרבורגני גרעבר׳ ·
דיא מן ניט זעהן קאן · אונ׳ דיא לייטי גיאן
איבר דיא זעלביגי · אונ׳ וויסן עס ניט : מה
אונ׳ איינר פֿון דען סופֿרים אנטוואורטיטי · אונ׳
שפראך צו אים · רבי · דא דוא דיזי ווארט
רידשט · לעשטרשט דוא אויך אונז : מו
אונ׳ ער שפראך · אונ׳ וויאי אויך אייך · איר
סופֿרים · דען איר לאדט אויף דיא לייטי
שווערי לאשטי · וועלכֿי זיא ניט טראגן קענן ·
אונ׳ איר רירט זיא (דיא שווערי לאשטי ·
דאס איז · דיא שווערי אלוות · וועלכֿי הייסן
אלוות אדרבנן) ניט אן · מיט איינם פֿון
אייערן פֿינגרן : מז וויאי אייך · דען איר
בויאט דיא גרעבר פֿון דענן נבֿיאים · אונ׳
אייערי עלטרן האבן זיא ערשלאגן : מח
דארום צייגט איר · אונ׳ האבט איין וואול
געפֿאלן אן דען ווערקן אייערר עלטרן · דען
זיא (אייערי עלטרן) האבן זיא (דיא נבֿיאים)
ערשלאגן · אונ׳ איר בויאט אירי גרעבר :
מט דארום האט אויך דיא חכֿמה פֿון גאט
גזאגט · איך וויל צו אינן שיקן נבֿיאים אונ׳
שלוחים · אונ׳ זיא ווערדן איינן טייל פֿון דענן
זעלבן נאך יאגן · אונ׳ ווערדן זיא ערשלאגן :
נ דאמיט געפֿאדרט ווערדי פֿון דיזם גבירד

דאס בלוט פֿון אלן נביאים· וועלכש פֿרגאסן
איז פֿון ערשאפֿונג דער וועלט: נא פֿון
דעם בלוט הבל· ביז אויף דאס בלוט זכריהו·
וועלכר איז ערשלאגן װארדן צווישן דעם מזבח
אונ׳ דעם היכל (דברי הימים
סימן כ״ד פסוק כ״א)· פֿרװאר איך זאג
אייך· עס ווירד גפֿאדדרט ווערדן פֿון דיזם
גבירד: נב וויאי אייך· איר סופֿרים·
דען איר טראגט דען שליסל פֿון דעם פֿר
שטענדנים (פֿון דער תורה אונ׳) פֿון היאל:
איר קומט ניט הין איין (אין היאל· וייל
איר איבר טרעטיט גאטש ווארט· אונ׳ גיבט
נייאי מצוות נאך אייערן אייגן גוט דינקן)·
אונ׳ דיא יעניגי· זוא דא זאלן דארט הין
(אין היאל) צו קומן· פֿר הינדרט איר (וייל
איר זאגט· זיא מיזטן אייערי מצוות עהיר
מקיים זיין· אלז דיא פֿון גאט): נג אונ׳
אלז ער צו אינן דיזי ווארטי גרידט האט·
האבן דיא סופֿרים אונ׳ דיא פרושים אין זער
שטארק גדרונגן· אונ׳ זיא האבן אין זער
גצוואונגן (מיט ווארטן)· אונ׳ פֿראגטן אין
שווערי פֿראגן איבר פֿילי זאכן: נד אונ׳
זיא לורטן אויף אין· אונ׳ זיא זוכטן עטוואס
צו ערגרייפֿן אויז זיינם מונד· אום אין
צו פֿר קלאגן· אונ׳ אין צו
בשטראפֿן:

Nf. 1.

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317092-p0099-8

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317092-p0100-5

2

# FALSA
# TALMUDIS
# DIVINITAS

profligata

A

CASP. CALVOERIO

*IUDAICOGERMANICE*

---

seorsum recudi curauit

IO. HENR. CALLENBERG

---

Halæ, in typographia instituti iudaici

CIↃ IↃCC XXXV.

2

Farbkarte #13
Centimetres
Inches
Blue Cyan Green Yellow Red Magenta White 3/Color Black
B.I.G.
Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317092-p0101-1
DFG